האָט ער אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה פֿון ישוען;
36 און ווי זיי זענען אַזוי געפֿאָרן אויפֿן וועג, זענען
זיי געקומען צו אַ וואַסער; און דער סריס האָט
געזאָגט: זע, אַ וואַסער; וואָס שטערט מיר
37 געטובלט צו ווערן? האָט פֿיליפּוס צו אים געזאָגט:
אויב דו גלייבסט מיטן גאַנצן האַרצן, מעגסטו. און
ער האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט: איך גלייב, אַז ישוע
38 המשיח איז דער בן אלקים. און האָט באַפֿוילן
אָפּצושטעלן דעם רייטוואָגן, און בײדע זענען
אַראָפּגעגאַנגען אין וואַסער אַריין, פֿיליפּוס און
39 דער סריס; און ער האָט אים געטובלט. און ווען
זיי זענען אַרויסגעשטיגן פֿונם וואַסער, האָט דער
גייסט פֿון דעם האַר פֿאַרטראָגן פֿיליפּוסן, און דער
סריס האָט אים שוין מער נישט געזען, און אַ
פֿריילעכער איז ער זיך געפֿאָרן אויף זיין וועג.
40 פֿיליפּוס אָבער האָט זיך געפֿונען אין אשדוד; און
איז אַרומגעגאַנגען און האָט אָנגעזאָגט די גוטע
בשורה אין אַלע שטעט, ביז ער איז געקומען קיין
קיסריה.

## קאַפּיטל ניין

1 שאול אָבער האָט נאָך אַלץ געאָטעמט מיט
דראָהונג און רציחה קעגן די תלמידים פֿון
2 דעם האַר, און איז געגאַנגען צום כהן גדול, און
ביי אים געבעטן בריוו צו די שולן אין דמשק, כדי
ווען ער וועט געפֿינען אײניקע, וואָס האַלטן זיך
ביי דעם דרך, סײַ מענער סײַ פֿרויען, זאָל ער זיי
3 ברענגען אין קייטן קיין ירושלים. און בשעת ער
איז געפֿאָרן, איז געשען, אַז ווען ער האָט זיך
דערנענטערט צו דמשק, האָט פּלוצלונג אַ ליכט
4 פֿון הימל אים אַרומגעשטראַלט; און ער איז אַנידער-